**אויף תיכף ארויסצוגעבן:** 2/14/2022 **גאווערנער קעטי האוקול**

***גאווערנער האוקול אנאנסירט ערשטע אומזיסטע פישכאפן וויקענד פון 2022***

***ניו יארקער קענען גיין פישכאפן אן א לייסענס פעברואר 19 און 20***

***DEC מוטיגט ניו יארקער זיך צו פירן מיט אייז אפגעהיטנקייט בשעת מען איז אינדרויסן אויף די פרייע לופט***

גאווערנער קעטי האוקול האט היינט געמוטיגט ניו יארקער אויסצוניצן דער געלעגנהייט פון דעם סטעיט'ס ערשטע פישכאפן וויקענד פון 2022, אום פעברואר 19 און 20, ווען פרישוואסער פישכאפער זענען ערלויבט צו כאפן פיש פאר אומזיסט אן א לייסענס.

"ניו יארק סטעיט איז אן ארט מיט פילע גאר גוטע פישכאפונג פלעצער, און איך מוטיג סיי נייע און סיי ערפארענע פישכאפער אייניג אויסצוניצן דעם קומענדן אומזיסטער פעברואר 'פישינג דעי', וועלכס גיבט יעדן א שאנס צו פארברענגען אויף די גרויסע אפענע לופט אן קיין קאסטן און צו באקאנט מאכן פאמיליע און פריינט מיט א נייע סארט פארוויילונג," **האט גאווערנער האוקול געזאגט.** "זיך ארויסלאזן אויף די פרייע לופט צו דערשפירן ניו יארק'ס נאטורליכע שיינקייט איז א פערפעקטן אופן צו פארברענגען און זיך אנגעמען מיט פרישע כוחות ביי איינע פון ניו יארק'ס פילע ערשטראנקיגע פישכאפונג דעסטינאציעס. באזכן אייערע ארטיגע פישכאפעריי פלעצער גיבט סיי פארוויילונג פארגעניגן און סערווירט אויך אלס א העכסט-נויטיגער עקאנאמישע אונטערטרייבער, און שטיצט ארטיגע עקאנאמיעס לענגאויס דעם סטעיט."

ניו יארק סטעיט דעפארטמענט פון **ענווייראנמענטאלע אפהיט (DEC) קאמיסיאנער באסיל סעגאס האט געזאגט,** "דער יערליכער פעברואר אומזיסטע פישכאפן וויקענד איז א פערפעקטער צייט ארויסצוגיין אינדרויסן און געפונען די ברייטע ריי ווינטער פישכאפן געלעגנהייטן אין ניו יארק און פאר ערשט-מאליגע אייז-פישכאפער זיך ארויסצולאזן צו די וואסערן מיט אייז גענוג דיק צו קענען זיכערערהייט ארויסגעבן און זיך פארוויילן מיט פישכאפעריי. אייז פישכאפן איז גאר א גוטע וועג זיך צו פארברענגען אויף די אפענע-לופט מיט פריינט און פאמיליע. און אויב ווען דער וועטער ערלויבן, איז גרינג צו פארוויילן מיט אייז פישכאפעריי אינאיינעם מיט אנדערע אינדרויסנדיגע אקטיוויטעטן ווי אייז סקעיטינג, שניי-שיך גליטשן, און קראָס-קאנטרי סקיאינג."

די וועלכע זענען ניי צו אייז פישכאפן זענען דערמוטיגט צו דאונלאד'ען דער [אייז פישכאפן קאפיטל](#) פון DEC'ס ['איי פיש ניו יארק' אנהייבער וועגווייזער פאר פרישוואסער פישכאפעריי](#) פאר אינפארמאציע אויף וויאזוי אנצוהויבן. א סעריע פון 'האָו-טוּ' ווידעאוס געאייגנט פאר אנהייבער אייז-פישכאפער קען מען געפונען אויף דעם [DEC יו-טוב טשענעל](#). נאך אינפארמאציע, אריינגערעכנט א ליסטע פון וואסערן וואו אייז פישכאפן איז ערלויבט, קען מען געפונען אויף דעם DEC [אייז פישכאפעריי](#) וועבזייטל.

לעצטערע קאלטע וועטער האט פארבעסערט אייז אומשטענדן לענגאויס דעם סטעיט. DEC דערמאנט פאר די וועלכע לאזן זיך ארויס אויף די אייז אז פיר אינטשעס אדער מער הארטע אייז ווערט גערעכנט

אלס זיכער פאר צוטריט צו וואסער קערפערשאפטן צופיס. אייז-פישכאפער זאלן באמערקן אז אייז דיקקייט קען זיין אנדערש ביי יעדן וואסער באזונדער און אפילו איפ׳ן זעלבן וואסער-טייל. אייז-פישכאפער זאלן ספעציעל אכטונג געבן אין ערטער פון באוועגיגע וואסערן און ארום שיף ארויספאר פונקטן און הייזער וואו באָבלער קענען זיין אינסטאלירט צו רעדוצירן דאס פארהארטעווען פון אייז. די אנוועזנהייט פון שניי-מאביל טרעקס אדער פיסטריט זאל נישט גערעכנט ווערן אלס באווייז פון זיכערע אייז אומשטענדן. יחידים ווערן שטארק געמוטיגט נאכצוקוקן אייז אומשטענדן און אויסמיידן סיטואציעס וועלכע שטעלן פאר אפילו קליינע אויסזיכטן פון סכנה. בעפאר פארזוכן די אייז דיקיגקייט מיט אן אוגור אדער אייז האקער, באזוכט דעם DEC וועבזייטל אויף זיך צו לערנען מער
.https://www.dec.ny.gov/outdoor/119684.html

ניו יארק׳ס אומזיסטע ׳פישינג דעי׳ פראגראם האט זיך אנגעהויבן אין 1991 צו געבן פאר מענטשן וועלכע וואלטן אנדערש נישט געגאנגען פישכאפן א געלעגנהייט צו פארזוכן דעם באלוינענדן ספארט פאר קיין שום קאסט, צו באקאנט מאכן מענטשן מיט א נייע סארט פארוויילונג, און צו מוטיגן מענטשן צו שטיצן די פאראוואלטונג פון דעם סטעיט׳ס פרישוואסער פישכאפערייען דורך קויפן א ניו יארק סטעיט פישכאפעריי לייסענס. פעברואר׳ס אומזיסטע ׳פישינג דעי׳ טעג זענען די ערשטע פון עטליכע פלאנירט אויף 2022. נאך אומזיסט ׳פישינג דעי׳ טעג נעמען אריין יוני 25 און 26, סעפטעמבער 24 (נאציאנאלע געיעג און פישכאפונג טאג), און נאוועמבער 11 (וועטעראן׳ס דעי). דורכאויס אומזיסטע פישכאפונג טעג קענען איינוואוינער און באזוכער כאפן פיש פאר אומזיסט אויף סיי וועלכע פון די סטעיט׳ס 7,500 לעיקס און וואסערלעך אדער 70,000 מייל פון טייכן און שטראמען. אלע אנדערע פרישוואסער פישכאפעריי רעגולאציעס זענען נאך אלץ אנווענדליך.

פישכאפן און געיעג אין ניו יארק בויט א געפיל פון אפטורופוס׳שאפט איבער פיש און באשעפעניש-וואוין-ערטער, גיבט א געלעגנהייט פאר ערפארענע יעגער און אייז פישכאפער מיטצוטיילן זייער קענטעניס מיט אנדערע, און העכערן אנטיילנעמונג אין געיעג, פישכאפעריי, און פארוויילונגס שיסעריי דורך דאס אויסשולן יונגע יעגער און אייז-פישכאפער. ניו יארק׳ס יעגער און אייז-פישכאפערביישטייערן אן אפגעשאצטע 4.9 ביליאן דאלער צו דער עקאנאמיע אין אויסגאבן, וועלכס שטיצט איבער 56,000 דזשאבס און 623 מיליאן דאלער אין סטעיט און ארטיגע טעקסעס.

###

נאך נייעס קען מען באקומען ביי www.governor.ny.gov
ניו יארק סטעיט | עקזעקיוטיוו טשעימבער | press.office@exec.ny.gov | 518.474.8418